

מורשת אור החיים הקדוש
הוצאת ספריו וכתביו הק' ומפעלים להפצת תורתו

# משתגעין ומתלהטין ב תורת האור החיים הקדוש

## פרשת שופטים

## מוסר חיים
לקח מהפרשה במשנת רבינו

בשמי"ם ראש – לזכות ידידנו הרה"ח רבי יהודה בן שרה מרים הי"ו ווייס

### די ריכטיגע וועג אין מלחמת היצר וויאזוי מכניע צו זיין דעם גוף

**כִּי תִקְרַב אֶל עִיר לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ וְקָרָאתָ אֵלֶיהָ לְשָׁלוֹם. וְהָיָה אִם שָׁלוֹם תַּעַנְךָ וּפָתְחָה לָךְ וְהָיָה כָּל הָעָם הַנִּמְצָא בָהּ יִהְיוּ לְךָ לָמַס וַעֲבָדוּךָ. וְאִם לֹא תַשְׁלִים עִמָּךְ וְעָשְׂתָה עִמְּךָ מִלְחָמָה וְצַרְתָּ עָלֶיהָ. וּנְתָנָהּ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְהִכִּיתָ אֶת כָּל זְכוּרָהּ לְפִי חָרֶב. רַק הַנָּשִׁים וְהַטַּף וְהַבְּהֵמָה וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה בָעִיר כָּל שְׁלָלָהּ תָּבֹז לָךְ.** (כ, י-יד)

אין די פסוקים לערנט אויס די תורה וויאזוי זיך אומצוגיין ווען מ'גייט ארויס אין מלחמה קעגן די פעלקער. קודם דארף מען פרובירן צו קומען בדרכי שלום, און אויב זיי ענטפערן צוריק מיט שלום און זיי געבן זיך אונטער דארף מען זיי נישט הרג'ענען. אבער אויב זיי רופן אפ דעם שלום און זיי גייען ארויס אין מלחמה, דארף מען זיי אויס'הרג'ענען אלע מאנספערזאן, און זייערע ווייבער, קינדער, בהמות און פארמעגן נעמט מען אויף רויב.

זאגט דער רבי, אז די פסוקים קען מען אויך געטייטשט ווערן אויף די מלחמה קעגן דעם יצר הרע. די תורה קומט אונז אויסלערנען, אז אנפאנג ווען א מענטש הייבט אן צו בייגן זיינע תאוות לעבודת הבורא, איז נישט כדאי זיך איינגאנצן צו אפרייסן פון די תאוות הגוף, ווייל אויף אזא אופן קען מען שנעל צובראכן ווערן און מ'וועט עס נישט קענען אנהאלטן צו לאנג.

נאר די ריכטיגע וועג איז: **"וקראת אליה לשלום"** - רעד צום גוף מיט פרידן, זאג איר אז חוץ די עולם הזה איז דאך אויך דא אן **"עולם הבא"**, און אויב מ'וועט זיך נאר באשעפטיגן מיט די תענוגי הגוף, וועט מען זיך עפעס צוגרייטן פאר יענע וועלט? ולשונו הטהור: **"כי גם לעולם העליון צריך האדם למזונות!"** און אזוי איז דא א האפענונג **"ופתחה לך"** אז די גוף זאל עפענען נישט מער ווי א "פתח" - כחודו של מחט - איבערצולאזן פלאץ פאר עבודת ה', און דאן **"כל העם הנמצא בה יהיו לך למס ועבדוך"**, וועט דער אויבערשטער העלפן, אז אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים זאלן נכנע ווערן צו די נשמה, מקיים צו זיין אלע מצוות עשה, און זיך היטן פון עובר צו זיין אויף די ל"ת אזוויי א געטרייער עבד.

זאגט אבער די תורה ווייטער, **"ואם לא תשלים עמך"** - אויב די גוף וועט נישט וועלן גיין מיט גוטנס נאר זי וועט ציען נאך שלעכטס, דעמאלט איז נישטא קיין ברירה נאר אויסצורופן א מלחמה קעגן איר, און אנהייבן מסגף צו זיין די גוף שוואך צו מאכן דעם כח הרע, ביז זי וועט זיך בייגן צום דרך הישר. און אויף דעם זאגן חז"ל (ברכות ה.): "לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע".

און דער וואס פירט זיך אזוי אז ער טוט אלע מיטלען מכניע צו זיין זיין גוף לדרך הישר, זאגט אים די תורה צו: **"ונתנה ה' אלקיך בידך"** דער אויבערשטער וועט דיר העלפן און איבערגעגעבן דעם יצר הרע אין דיינע הענט, **"והכית את כל זכורה לפי חרב"** דו וועסט קענען אינגאנצן צוקלאפן דעם ס"מ וחיילותיו. און דעמאלט וועסט צוריק ברענגען דיין נפש - און אזוי אויך אלע מצוות ומעשים טובים וואס דו האסט געטון ביז אהער - צום צד הקדושה, און די עבירות וועלן נתהפך ווערן אויף זכויות, דאס איז מרומז אין **"הנשים והטף... תבוז לך"**.

נאכדעם שטייט אויף **"והבהמה... תבוז לך"** - מרמז צו זיין אז נאך וואס דו וועסט מכניע זיין דיין גוף, וועסט בארויבן צו דיר אפילו דיינע **תאוות הבהמיות**. דאס הייסט אז דו וועסט זיך נוצן מיט דיין גוף אויפן ריכטיגן וועג צו טון די עבודת ה' וואס דו קענסט פארדינען דורך איר.

## פניני חיים
פנינים מובחרים מעובדים ומתומצתים על פי דברי רבינו

בש"ם בצלאל – לע"נ הרה"ח ר' משה שמואל ב"ר בצלאל ז"ל

### קורצע שיינע געדאנקען באארבעט על פי דברי רבינו

**שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ.** (טז, יח)

די תורה איז מדגיש **"תתן לך"** - זאלסט שטעלן שופטים "אויף דיר", ווייל דער וואס איז ממנה דעם שופט זאל זיך נישט איינרעדן אז ווייל ער האט אויפגענומען דעם שופט - איז ער נישט מחויב זיך מכניע צו זיין אונטער אים. וועגן דעם זאגט די תורה **"תתן לך"** זאסט אים לייגן "איבער דיר" אז דו - וואס דו שטעלסט אים - זאלסט דיך אויך מכניע זיין און פאלגן אלעס וואס ער הייסט.

**וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט צֶדֶק.** (טז, יח)

בדרך רמז קען מען זאגן, לויט ווי די גמרא זאגט (ביצה טז.) "מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה עד ראש השנה" - אז יעדע יאר באשטימט מען פון הימל וויפיל פרנסה א מענטש זאל האבן דאס יאר. און ס'ווערט געברענגט פון "אנשי אמת" (זוה"ק ח"ג קצח:) אז בית דין של מעלה ווערט אנגערופן "צדק". איז ווען בית דין דא אונטן פסק'ענט ריכטיג א משפט, זענען זיי מכוון צום משפט פונעם בית דין של מעלה, אז יעדער זאל האבן פונקטליך וויפיל ס'איז אים באשטימט געווארן אנהויב יאר.

דאס מיינט **"ושפטו את העם - משפט צדק"** אז בי"ד זאל ריכטיג משפט'ן - אזוויי דער משפט וואס איז שוין אנהויב יאר באשטימט געווארן אין בי"ד של מעלה וואס הייסט "צדק".

**עַל פִּי שְׁנַיִם עֵדִים אוֹ שְׁלֹשָׁה עֵדִים יוּמַת הַמֵּת.** (יז, ו)

דער לשון יומת **"המת"** קומט זאגן, אז דער זינדיגער איז בכל אופן מחויב מיתה און ער ווערט שוין פארערכנט ווי א טויטער. נאר אויב ס'איז דא עדים איז בי"ד של מטה מחויב אויסצופירן דעם פסק דין און הרג'ענען "דעם טויטן", ווייל אפילו אויב ס'וועט נישט זיין קיין עדים און קיין התראה - וועט בי"ד של מעלה סייווי אויספירן זיין פארדינטן פסק דין.

**כִּי הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אַתָּה יוֹרֵשׁ אוֹתָם אֶל מְעֹנְנִים וְאֶל קֹסְמִים יִשְׁמָעוּ וְאַתָּה לֹא כֵן נָתַן לְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ.** (יח, יד)

די גוים פרעגן טאקע זייערע שטערנזעער וואס זייער מזל ווייזט אויף זיי, אבער **"ואתה"** דו איד, **"לא כן"** ביזט נישט אזוי, דו האסט נישט קיין שום סיבה צו פרעגן וואס דיין מזל ווייזט אויף דיר, ווייל **"נתן לך ה' אלקיך"** דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן אלע מזלות - די גאנצע צבא השמים - אין דיינע הענט, אז אלעס זאל געפירט ווערן לויט לכלל ישראל. ממילא נישט דער מזל געוועלטיגט אויף דיר, נאר דו געוועלטיגסט אויף די מזל.

## הלכה ודרוש

## הדיין יסלק ממחשבתו את בעלי הדין ויתן דעתו בעצם ההלכה

**מִשְׁפַּט צֶדֶק.** כָּאן הֵעִיר הֶעָרָה גְּדוֹלָה לֶחָפֵץ לִשְׁפֹּט בְּצֶדֶק, וְהוּא כִּי כְּשֶׁיִּרְצֶה לַעֲמֹד הַדַּיָּן עַל מִשְׁפַּט הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לָהֶם הָרִיב, יִהְיֶה בְּסֵדֶר זֶה, שֶׁיַּעֲבִיר מִבֵּין עֵינָיו שְׁנֵי הַנּוֹשְׂאִים וְלֹא יַלְבִּישׁ מַשָּׂא וּמַתַּן הַהֲלָכוֹת שֶׁיַּעֲשֶׂה בָּאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לָהֶם הָרִיב לוֹמַר כְּפִי זֶה יִתְחַיֵּב פְּלוֹנִי וּכְפִי זֶה יִהְיֶה לְהֵפֶךְ, אֶלָּא יַעֲשֶׂה עִיּוּנוֹ וּצְדָדֵי הַהֲלָכָה כְּאִלּוּ אֵין אָדָם שֶׁצָּרִיךְ לְהוֹרָאָה זוֹ עַתָּה אֶלָּא לַעֲמֹד עַל הַדִּין לָדַעַת הִלְכוֹת הַתּוֹרָה, וְאַחַר שֶׁיַּעֲמֹד עָלָיו בְּדֶרֶךְ זֶה, מַה שֶּׁיַּעֲלֶה בִּמְצֻדָּתוֹ יָדִין בּוֹ לְבַעֲלֵי דִינִים, יְזַכֶּה הַזַּכַּאי וְיִתְחַיֵּב הַחַיָּב, וְהוּא אוֹמְרוֹ "וְשָׁפְטוּ אֶת הָעָם מִשְׁפַּט", פֵּרוּשׁ, כְּבָר הוּא מִשְׁפָּט בִּפְנֵי עַצְמוֹ, זֶה יִהְיֶה "צֶדֶק", אֲבָל זוּלַת זֶה כְּשֶׁיַּעֲרִיךְ בְּדַעְתּוֹ בְּעֵת שֶׁמְּזַקֵּק וּמְצָרֵף הַדִּין לְבַעֲלֵי דִינִים עַל כָּל פָּנִים יִהְיֶה אֶחָד יוֹתֵר מִתְקָרֶבֶת דַּעְתּוֹ אֵלָיו וְלֹא יֵצֵא הַמִּשְׁפָּט צֶדֶק, וּבִפְרָט בְּמִשְׁפָּטִים שֶׁתְּלוּיִים בְּשִׁקּוּל הַדַּעַת וּבְהַטָּיָה מוּעֶטֶת בְּנָקֵל יַטֶּה דַּעְתּוֹ (טז יח).

בספר **משיב כהלכה** (פתחא זוטא עמ' ל"ז) כתב על פי יסוד זה, לבאר דברי הגמ' (כתובות קה, א) דאסור ליקח שוחד אפילו במקום שלוקח משני בעלי הדינים, דהכתוב "ושוחד לא תקח" בא לרבות שאסור ליקח שוחד אף אם אינו רוצה להטות את המשפט, אלא נוטל על מנת לזכות את הזכאי ולחייב את החייב. וצ"ב, דכיון דלוקח משניהם מה שייך בזה שם שוחד, שהרי אינו מטה את ליבו לאחד מהם יותר מלחבירו, מאחר שלוקח שוחד משניהם. והמאירי שם (ע"ב) ביאר וז"ל: ואף כשמקבלו משני צדדין, מכל מקום לבו נוטה לזה ולזה, עד שנוטה להכריע ביניהם ושלא לדונם בדין גמור, עכ"ל. וא"כ אסור הדבר מחמת שיבוא לפשר ביניהם שלא על פי דין האמת.

ולדברי רבינו מבואר היטב וביתר שאת, דכאשר יחשוב בליבו בשעה שידון את הדין אם לזכות לפלוני או לחייבו, לא יוכל לדון את הדין לאמיתו, שהרי צריך להעביר את בעלי הדין מכנגד עיניו, ואם יקח שוחד משניהם, אף שלא יטה השוחד את דעתו לאחד מהם, מ"מ יקרב השוחד את דעתו לשניהם באופן שלא יהיה יכול לדון את הדין כראוי, כמבואר בגמ' (שם) אמר רבא, מאי טעמא דשוחדא כיון דקביל ליה שוחדא מיניה, איקרבא ליה דעתיה לגביה והוי כגופיה, ואין אדם רואה חובה לעצמו.

## העובד עבודה זרה בחוץ לארץ היכן יסקלוהו

**כִּי יִמָּצֵא בְקִרְבְּךָ.** אוֹמְרוֹ "בְּקִרְבְּךָ", לְחַיֵּב עַל הַדָּבָר לִבְנֵי הַמָּקוֹם שֶׁשָּׁם יִמָּצֵא הָאִישׁ עוֹשֶׂה הָרַע וְאַחֲרֵיהֶם יִתְחַיְּבוּ כָּל יוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ, וְהוּא מַה שֶּׁגָּמַר אֹמֶר "בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ", וְרַבּוֹתֵינוּ ז"ל (כתובות מה:) דָּרְשׁוּ "שְׁעָרֶיךָ" לִגְזֵרָה שָׁוָה, שַׁעַר שֶׁנִּמְצְאוּ בּוֹ וְלֹא שַׁעַר שֶׁנִּדּוֹנוּ בּוֹ, וְאוֹמְרוֹ "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ", נִתְכַּוֵּן לוֹמַר שֶׁעַל מְנָת כֵּן ה' נְתָנָהּ לְךָ (יז ב).

לכאורה נלמד מביאור רבינו פסוק זה - שדין סקילה בעובד עבודה זרה אינו נוהג אלא בארץ ישראל, שהרי ביאר הכתוב "אשר ה' אלוקיך נותן לך", שעל מנת כן נתן ה' את הארץ לך, ומבואר אם כן שדין זה נוהג רק בארץ ישראל ולא בחוץ לארץ.

ובברכת **שמעון** הקשה, דהרי ודאי אף העובד ע"ז בחוץ לארץ חייב סקילה, וכן מבואר להדיא בדברי הרמב"ן כאן.

ומיישב כוונת רבינו, בהבאת דברי הרמב"ן, שמפרש הפסוק (להלן פס' ד') "נעשתה התועבה הזאת בישראל", כאן בא ללמד שנוהג דין סקילה בעובד ע"ז אף בחו"ל, אולם הפרט שדרשו חז"ל (כתובות מה, ב), שער שעבד בו ולא שער שנידון בו, דהיינו שנסקל באותו מקום 'שעבד בו' ולא במקום 'שנידון בו', ענין זה אינו נוהג אלא בארץ ישראל. וא"כ דבר זה בא הכתוב למעט, דהדין הנלמד מהפסוק "באחד שעריך", נוהג דוקא בארץ "אשר ה' אלוקיך נותן לך", ואילו בחוץ לארץ אין חובה לסקול במקום שעבד דוקא, כי אין לנו לימוד על כך אלא כלפי ארץ ישראל.

## אגדה וחסידות

## הגאולה העתידה תלויה בעבודת ה' מאהבה

**וְאִם יַרְחִיב וְגוֹ' לַאֲבֹתֶיךָ.** פֵּרוּשׁ, עַצְמָן כִּי הֵם יִנְחֲלוּ הָאָרֶץ לֶעָתִיד לָבוֹא, וְאָמַר, זֶה יֻשַּׂג לָהֶם אִם יִשְׁמְרוּ אֶת כָּל הַתּוֹרָה וְיַעֲשׂוּהָ וְתִהְיֶה הַשְּׁמִירָה וְהָעֲשִׂיָּה מֵאַהֲבַת ה' וְלֹא מִיִּרְאָה, הַדּוֹר הַהוּא אֲשֶׁר יַעֲמֹד בָּזֶה, בְּיָמָיו יָקִים ה' דְּבָרוֹ הַטּוֹב לָתֵת כָּל הָעֲשָׂרָה עֲמָמִין וְיַעֲמִיד בְּיַד יִשְׂרָאֵל כָּל הַטּוֹב שֶׁהִבְטִיחַ לַעֲשׂוֹת לָאָבוֹת בְּיוֹם עָמְדָם בִּתְחִיָּה, וְרַבּוֹתֵינוּ ז"ל הֵעִירוּ שֶׁגְּאֻלָּה הָעֲתִידָה תְּלוּיָה בַּעֲבוֹדַת ה' מֵאַהֲבָה דַּוְקָא (יט ח).

בספר **מכתם לדוד** כתב על דברי רבינו: והוא תנאי חמור מאוד, ולעת עתה נעלם ממנו היכן אמרו חז"ל דבר זה, ואפשר דזה נאמר דוקא על גאולה של 'אחישנה', אבל אם תבוא הגאולה 'בעתה', יהיה זה אפילו בעבודת ה' מיראה.

ובספר **סגולת משה** מביא בשם הראשית חכמה (שער האהבה) שביאר דברי הגמ' בסנהדרין (צט, ב) שכל העוסק בתורה לשמה מקרב את הגאולה, דהכוונה דוקא בעוסק בתורה מאהבה ולא מיראה. ולפי זה יש מקור ברור לדברי האוה"ח מדברי הגמ' בסנהדרין.

ובספר **בכור שור** (יומא פו, ב) ביאר בזה פלוגתא דרבי אליעזר ור' יהושע בסנהדרין (צז, ב) דלר"א אם ישראל עושין תשובה נגאלין, ולרבי יהושע בין כך ובין כך נגאלין, דלתרוויהו בעינן שיחזרו ישראל בתשובה, אלא דלר' אליעזר דווקא בתשובה מאהבה, כדמייתי קרא דשובו בנים שובבים, ור' יהושע ס"ל אפילו מיראה או ע"י יסורין, כדאמר שהקב"ה מעמיד עליהן מלך כהמן.

**והרה"ק מלובלין זי"ע** ב'דברי אמת' הביא דברי רבינו אלו, ופירש בזה נוסח הסיום במסכת ע"ז, שאומרים 'הדרן עלך פרק השוכר את הפועלים וסליקא לה מסכת עבודה זרה', 'הדרן עלך' לשון תשובה, כמו הדרי בי, 'השוכר את הפועל' שלא תהיה כפועל העושה ע"מ לקבל שכר, אלא כמו בן, ולא תהיה הכוונה בשביל שכר הגם שממילא יתן השכר, ונמצא כי נעבוד מאהבה ותהיה הגאולה, 'וסליקא לה מסכת עבודת כוכבים' כי האלילים כליל יחלוף ואז אהפוך כל העמים לעבדו שכם אחד במהרה בימינו, עכד"ק.

וכ"ק **אדמו"ר מסלונים שליט"א** (דרכי נועם פר' מטו"מ תש"ע) הרחיב בביאור הענין, דתוקף האהבה שתתעצם בכנסת ישראל, היא אשר תביא את הגאולה העתידה, כלשון התפילה 'ומביא גואל לבני בניהם למען שמו באהבה'. וזה מה שאומרים בתפילת נחם בתשעה באב 'כי אתה ה' באש הצתה ובאש אתה עתיד לבנותה'. שכן על מידת אהבת ה' נאמר בשיר השירים "רשפיה רשפי אש", וכאשר תתלקח בישראל אש של אהבה, תבוא הגאולה העתידה ובנין בית המקדש.

ובמיוחד הגאולה בבחינת 'אחישנה' תבוא מכח תשוקת בני ישראל להשי"ת, שעל ידה תתעורר מלמעלה אהבת השי"ת לעמוד עד לבחינת 'לא אוכל שאת', ואז תבוא הגאולה. וכלשון הכתוב בשיר השירים (ו, ה) "הסבי עיניך מנגדי שהם הרהיבוני", ופירש"י 'כי איני יכול להתאפק'. "עיניך" רומז למידת הצמאון וההשתוקקות, כמו שאומרים בתפילה 'וכל עין לך תצפה', והשי"ת אומר לכנסת ישראל "הסבי עיניך מנגדי שהם הרהיבוני", שבכיכול אינני מסוגל לעמוד בזה. ומיד כאשר תהיה אהבה בדרגה כזו תבוא הגאולה. עכ"ד.

מתיקות ועריבות טוב התורה



מאות מגידי שיעור והוגי תורת האור החיים הקדוש מעידים:
עם הספר 'כל הכתוב לחיים' הכולל אלפי ביאורים מגדולי הדורות על ספר "אור החיים" הקדוש, מרגישים 'מתיקות ועריבות' בדברי האור החיים הקדוש, ומגלים צפונות ונפלאות בתורתו הקדושה, עד בכדי ש'משתגעין ומתלהטין אחריה'.
להשיג בכל חנויות הספרים, או בקו ה'מורשת' 0733.713.620

# בארעא דישראל

### עכו - תחומה של ארץ ישראל

כאמור, באותם ימים ששהה רבנו באלכסנדריה וחשש מפני המגפה המשתוללת בירושלים, היה בדעתו לקבוע את ישיבתו בצפת. משמשע על התפרצותה המחודשת של המגפה, ולאחר שמשמים סובבו דרכם והוליכום מחוץ לתחום הסכנה, שבה ועלתה ההצעה לעלות לצפת ולהתיישב בה.

אלא שבאותם ימים ממש השתנה לרעה מצבה של צפת. רבים מיהודי העיר וחכמיה עזבו אותה, חלקם נדדו וגלו לעכו [רבי אברהם ישמעאל סנגוויניטי סיפר עוד: "ועוד חדשים מקרוב באו, כת אחת של חכמים מפולונייא שהלכו לקבוע דירתם שם בצפת וללמוד שם תורה בטהרה, ושכרו להם בתים (בעכו) ונתעכבו כאן הם ונשיהם וטפם בין הכל כמו כ' נפשות"]. ואחרים שהועידו פעמיהם לטבריה, והצד השוה שביניהם שאת עורפם הפנו לצפת. היו מגוללים את התלאות שידעו בצפת, מאז קם עליהם מושל חדש, שהכביד על היהודים במסים, מבלי להתחשב בשנות הבצורת והמחסור. אם לא די בכך, ראו יהודי צפת סימן רע בפטירתו של הגה"ק רבי אלעזר רוקח זצוק"ל, בעל ה'מעשה רוקח', שעלה מאמסטרדם בשנת תק"א והתיישב בצפת, ואף מינוהו לנשיא וכינוהו 'מרא דארעא דישראל'. באותן שנים, היה ה'מעשה רוקח' היחיד מחכמי הדור שהגיע לצפת באותן שנים והתיישב בה, ואף הוא לא ארכו ימי שבתו שם, כי חלה מרוב צער וחולשתו גברה, עד כי התבקש לישיבה של מעלה ושבק חיים לכל חי בחודש תשרי תק"ב (יש אומרים בשבת חול המועד סוכות, ויש המאחרים תאריך פטירתו בשבוע אחד, שבת קודש פרשת בראשית כ"ז בתשרי תק"ב).

היו שהציעו לרבנו, להתיישב בטבריה ולקבוע בה את בית מדרשו - הצעה שתשוב ותעלה בחודשים הבאים על ידי רבה של טבריה, הגה"ק רבי חיים אבולעפייא זצוק"ל - אך רבנו דחה את ההצעה והעדיף את עכו על טבריה, "מפני שאין שם מקום בנוי לישב, וטעמים אחרים מספיקים".

בתחילה, כאשר השתקעו בעכו, שכר רבנו חצר ובה שני בתים, האחד למגוריו והשני לבית המדרש - בו ישב עם החכמים והגו בתורה יומם ולילה - ולמגורי התלמידים שכרו בית נוסף. אולם, לאחר ימים אחדים, שינה רבנו את מקומו, כפי שכתב רבי אברהם ישמעאל סנגוויניטי לאביו, באגרת שניה בט"ז בתשרי תק"ב ["היום יום י"ו תשרי התק"ב, יום טוב שלהם חול המועד שלנו, עבדו המוכן לשרתו הצעיר אברהם ישמעאל חיים סנגויני יצ"ו שכתב מעכו". יתכן וההדגשה כי הוא כותב ביום טוב שני של גלויות נועדה לחדד ולהדגיש את הכרעת רבנו, בשיטת מנהג המקום, שנהגו בו יום טוב אחד], שבפתיחתה כתב אודות ההתיישבות בעכו:

"אברך את ה' אשר הנחני בדרך אמת, ויביאני אל המקום הזה, הוא עכו תחומה של ארץ ישראל. והלא ידענו אם לא שמענו כי עכו כארץ ישראל לכמה דברים, וכדרבי אבא דהוה מנשק כפי דעכו (כתובות קיב.). אמנם רבו בזה הדיעות וכנראה מדברי התוספות (שם, וכן בריש גיטין, והכריעו שעכו חצייה בארץ ישראל וחצייה בחוץ לארץ), ולכן מעלת הרב נר"ו עמד על עיקרן של דברים, לידע באיזה צד מן העיר הוא קבלה מידם שהיא ארץ ישראל ממש, ושינה את ביתו ממקום אשר נטע אהלו בתחלה, והלך וקבע דירתו במקום שהוא מארץ ישראל ודאי. ושם אצל ביתו, מקום הישיבה קבועה בארץ הקדושה ממש".

באגרת השלישית, ששלח רבי אברהם ישמעאל סנגוויניטי לאביו בר"ח כסלו תק"ב, כתב עוד:

"וידענו, אשר כל כך היא קדושה עכו תוב"ב, כצפת וטבריה אשר היא ארץ קדושה, כמו שאמרו בגמרא 'רבי אבא הוה מנשק כיפי דעכו', לפי שהיא ארץ קדושה. ואף על פי שכתבו התוספות כי יש חלק בעכו שאינו מקודש - בכאן ידוע להם המקום ההוא שאינו מקודש, וידוע ומפורסם המקום הקדוש".

למרות שבתחילה סבר רבנו כי ניתן להחשיב את עכו כארץ ישראל ולכן התיישב בה, אך עתיד היה לשנות את דעתו. משפגעה יד הדין באנשי שלומו ושניים נפטרו בדמי ימיהם - אברך צעיר וילד רך - ערך רבנו חשבון נפש, שבסיומו הסיק, כי משמים רומזים לו שעליהם לעקור מעכו שאינה מארץ ישראל.

### ראש חודש מרחשון - פתיחת הישיבה

למרות שעדיין לא מצאו מנוח לכף רגלם והיתה ישיבתם ארעית, רגליהם בעכו ולבם עורג לירושלים, הזדרז רבנו לפתוח את הישיבה בראש חודש מר-חשון תק"ב, כפי שבישר רבי אברהם ישמעאל סנגוויניטי לאביו: "יהיה בסימן והצלחה על מעלתכם, 'מדרש כנסת ישראל' נפתח ביום ראש חודש חשון ה'תק"ב. יהי רצון שיהיה לכם לטובה ולשמחה ולזכות רב בעולם הזה ובעולם הבא. שכל הבאים מירושלם ומצפת ומטבריא, ורואה את הלימוד הזה כל היום וקצת מהלילה באופן נאות, יוצאים ואומרים: אשרי העם שככה לו, אשרי מחזיקיו, אשרי תומכיו שזכו לכך" ---

### על קברי צדיקים - ה'זיארות' בראשי חודשים

כפי שתיקן רבנו בתקנות 'חברת כנסת ישראל', שחכמי הישיבה יעתירו בעדם בכל יום ובפרט בעת שיפקדו את המקומות הקדושים, התקין רבנו בימי ישיבתם בגליל, שבראשי חודשים יצאו חכמי הישיבה להשתטח על קברי צדיקים.

בראש חודש חשון תק"ב - מספר רבי אברהם ישמעאל סנגוויניטי - "עלינו אל אושה ומצאנו אותה חרבה בעוונותינו הרבים, ואפילו אומות העולם מעט מזעיר. והראו אותנו מקום ישיבת סנהדרי גדולה כשגלו שם (ראש השנה לא:), וקראו לו 'מקום השכינה'. בראש חודש כסלו שנת ה'תק"ב עלינו בעשרה למקום שבו קבור שמואל הקטן, שבזמנו יצתה בת קול עליו 'ראוי שתשרה עליו שכינה כמשה רבינו' (סנהדרין יא.) ונשתטחנו על קברו. ועלינו למערה שבו קבורים רבי אברהם אבן עזרא ורבי שלמה בן גבירול שעשה אזהרות, והם מכובדים הרבה בעיני הגוים, בבנין מפואר, וישבנו גם שם בתפלות ובתחנונים בעד עמו ישראל. ובחודש זה נמצא בכאן שליח ירושלם תוב"ב שהולך לקוסטאנדינא, ועשה עמנו הזיאר"ה (- ההשתטחות), ותמה על מה שראה מה שאנו עושים ואמר שאין מי שיוכל לעשות כל זה. ובעזרת ה' כן נעשה בכל חודש, ואף על פי שצריך טירחא גדולה והוצאות מרובות לעשות אלו הזיא"רס".

אלפים כבר נושעו
בזכות תרומתם למען ה'אור החיים' הקדוש
והפצת ספריו הקדושים
קְנה לעצמך זכות אצל האור החיים הקדוש
מוקד הישועות: 0733-713-620
ישועות
מורשת אור החיים הקדוש

# נתעלה געווארן צום מערת האור החיים הק' בזכות לערנען "אור החיים הקדוש"

הגאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל אין זיין ספר "כף החיים" (סי' לא, סקנ"ה) ברענגט שטארק ארויס די חשיבות פון לערנען פירוש "אלשיך הקדוש" על התורה. ער ברענגט דארט אראפ דעם לשון פונעם הייליגן חיד"א זצ"ל וואס שרייבט אז ביי די תקופה פון די צרות אין פוילן, האט זיך דער אלשיך הקדוש מגלה געווען צו א חכם אחד בהקיץ אים צו ראטעווען מתוך ההפכה, בזכות וואס ער פלעגט שטענדיג עוסק זיין אין זיינע דרשות! און דער "כף החיים" ענדיגט צו בזה הלשון: **"ומעין כיוצא, נגלה אלי בחלום על ספר 'אור החיים' להרה"ק מוהר"ח ן' עטר זיע"א!"**

א וואונדערליכע מעשה ווערט געברענגט אין ספר "אמרו צדיק" (עמוד 306) אויף די געוואלדיגע מעלה וואס א איד וואס פלעגט קביעות'דיג לערנען אור החיים הקדוש האט זוכה געווען צוליב דעם, און אזוי ווערט דארט דערציילט:

א ווארעמער און וואויל-טעטיגער חסיד איז הרב ר' נחום מאטל פרוס ז"ל געווען. זינט ער איז ארויף קיין ארץ ישראל - י"ג ניסן שנת תרפ"ה - האט ער זיך אוועקגעגעבן די גאנצע הארץ און נשמה אויפצוטון לטובת הכלל, און עוסק געווען בצרכי ציבור מיט אן א שיעור געטריישאפט.

אין די קליינע "תל אביב" - בימים ההם - האט ער אויפגעשטעלט די "אגודת השוחטים" אויף וועלכע ער איז געשטאנען אין שפיץ. אזוי אויך איז ער געווען פון די מייסדים פון די באוואוסטע בית הכנסת "**יַבְנֶה**".

אלע זיינע מעשים און פעולות זענען געווען לשם שמים, אן קיינע כוונות צו פארנעמען א פאסטן, און ריין פון יעדע אנדערע אייגענע נגיעה. דערפאר איז ער געווען זייער געשעצט אין די אויגן פונעם ציבור וועלכע האבן מיט דארשט געשלינגען זיינע קלוגע רייד, און געפאלגט זיינע עצות וואס זענען געווען פול מיט חכמה און פארשטאנד. ער האט מאריך ימים געווען, און איז נסתלק געווארן בשיבה טובה אין טיפן עלטער פון זעקס און ניינציג יאר.

ר' נחום מאטל איז געווען א שטארקע אוהב תורה און מוקיר רבנן, און ער אליינס איז געווען א גרויסער תלמיד חכם. ער האט מחבר געווען פארשידענע ספרים, צווישן זיי דער ספר "דרך נחומיך" - א ליקוט פון ספרי גדולי החסידות אויף פרקי אבות. אלס בחור האט ער זיך מסתופף געווען בצל הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זצ"ל, און שפעטער - ווען ער האט שוין געוואוינט אין תל אביב - פלעגט ער זיך ווייקן בצלו הטהור פון הרה"ק מהוסיאטין זצ"ל. אין די הסכמה וואס דער הוסיאטינער רבי האט געשריבן אויף זיין ספר "דרך נחומיך" - ביום כ"ג מרחשון תש"ז - באטיטולט ער אים: "הרבני הנכבד המופלג".

צווישן זיינע געבענטשטע פעולות האט ער אויפגעשטעלט א "חברת משניות" אינעם בית המדרש וואס ער האט געגרינדעט. דאס איז געווען א ספעציעלע חברה, וואס יעדער מיטגליד האט זיך מתחייב געווען צו לערנען משניות לעילוי נשמת די חברים וואס זענען אוועק, אזוי אויך יעדער חבר - ווען ס'וועט קומען זיין צייט - וועלן די געבליבענע לערנען משניות לטובת נשמתו.

גרינדענדיג דעם חברה, האט ר' נחום מאטל געבונדן אסאך בלעטער מיט שורות אין פארעם פון א ספר, וואו ער האט פארשריבן אלעס ארום די חברה. אנפאנג האט ער געשריבן א הקדמה אויף די נושא פון די חברה, נאכדעם האט ער אראפגעברענגט מאמרי חז"ל וואס זענען עוסק ארום דעם ענין, ווייטער האט ער געשריבן די תקנות וואס ער האט איינגעפירט אין די חברה, און צום סוף האט ער פארצייכענט די נעמען פון די חברים אין די חברה - לעבעדיגע און נישט לעבעדיגע - מיט די פונקטליכע יארצייטן, צולייגנדיג נעבן די נעמען זייערע לעבנס שטריכן.

סוף ספר, האט ער פארצייכענט דריי אינטערעסאנטע חלומות וואס ער האט געהאט. איינס פון זיי - וואס איז נוגע צום לימוד "אור החיים הקדוש" - וועלן מיר דא ברענגען וויאזוי ער שרייבט עס דארט, ווי פאלגענד:

פרייטאג צו נאכטס פאר די ערשטע סליחות סוף שנת תרפ"ח, האט זיך רבי ברוך מנשה ז"ל - ר' נחום מאטל'ס טאטע - באוויזן צו אים אין חלום, און געפרעגט: "נחום מאטל, פארוואס קומסטו נישט זיך משתטח זיין אויף מיין ציון אז איך זאל מתפלל זיין אויף דיר און דיין משפחה?! דארפסטו גארנישט האבן?!"

האט ר' נחום מאטל צוריק געפרעגט אין חלום: "טאטע, וויאזוי קען איך קומען צו דיין ציון, דו ליגסט דאך אין סקווירא, און איך וואוין מיילן אוועק דא אין תל אביב?!..."

האט אים זיין טאטע געענטפערט א שאקירנדע תשובה: "זיכער קענסטו קומען צו מיר, איך בין גארנישט אזוי ווייט... ווייל **בזכות וואס איך פלעג מיך נוהג זיין צו לערנען 'אור החיים הקדוש' תמידין כסדרן, האב איך זוכה געווען צו א געוואלדיגע עליה, און איך געפון זיך יעצט אין די מערה פונעם 'אור החיים הקדוש' אויפן הר הזיתים!**" - - -

אינגאנצן איבערראשט האט זיך ר' נחום מאטל אויפגעכאפט פון דעם שטוינענדן גילוי, און תיכף אויפצומארגנס - א' סליחות - האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין ירושלים זיך משתטח צו זיין על ציון קדשו פונעם "אור החיים הקדוש" וואס זיין טאטע האט אים מגלה געווען אז ער איז אויך זוכה זיך דארט צו געפונען במחיצתו הטהורה, בזכות וואס ער האט זיך מדבק געווען באור תורתו הקדושה.


אויפן פארלאנג פונעם ציבור, האבן מיר זיך בס"ד לעצטנס שטארק פארברייטערט מיטן דרוקן און מפיץ זיין דעם גליון ברחבי תבל, און מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אייך, אזויווי די הוצאות זענען גרויס, און די זכות פון דרוקן און מפיץ זיין האט א געוואלדיגע כח הסגולה כידוע, ביטע נעמט השתתפות אין די מלאכת הקודש מיט'ן מנדב זיין א גליון לזכות אדער לע"נ.

צו באקומען דעם גליון אין אמעריקא, אדער צו געבן אייער נדבה ביטע רופט: 845-533-2998

אדער שיקט אן אימעיל צו: torahsohrhachaim@gmail.com

פאר סיי וועלכע פראגעס בנוגע דעם גליון, קענט איר רופן:

הרה"ח יהודה לייב זארגער שליט"א 917-681-0310 • הרה"ח אברהם ישראל הערשקאוויטש שליט"א 845-537-0839

וזכות רבינו הק' תגן בעדכם לרוב ברכה והצלחה וכל טוב



כל הזכויות שמורות למורשת אור החיים הקדוש הוצאה לאור והפצת מעיינות הקודש בראשות הרה"ג משה שווארץ שליט"א


מען למכתבים סוקולב 9\ב בני ברק ליצירת קשר בקו המורשת 0733.713.620 מייל G077-490-4173@gmail.com